יידען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 12 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 74 | Łódź, Wtorek, 27 marca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, י"א ניסן תרצ"ד | № 74 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# טראגישע פאבריק־שרפה אין לאדז

## 3 ארבייטער פערברענט געווארען און 20 ארבייטער פערוואונדעט

געכטען אַרום צוועה אַ זייגער אינדערפריה איז די גאַנצע שטאָט אַלאַרמירט געוואָרען וועגען אַ מוראַדיגער און טראַגישער שרפה, וועלכע איז אויסגעבראָכען אויף ציגעל־גאַס 66 אין די מויערען פון דער אַקצ. געז. משה אהרן וויגער.

אונזער מיטאַרבייטער איז גלייך אַוועק אויפ'ן אָרט פון דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע און טיילט מיט פאָלגענדעס וועגען דער טראַגעדיע וואָס האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּילט, אַ טראַגעדיע וועלכע האָט געקאָסט דאָס לעבען פון עטליכע מענשען און פון צענדליגער פערוואונדעטע.

דער דערמאַנטער פאַבריקס־שטח גייט דורך פון ציגעל־גאַס 66 ביז אויף פּאָלודניאָוואַ 61. דאָרט געפינט זיך אַ גאַנצער קאָמפּלעקס פאַבריקס־בנינים וועלכע זיינען געפּאַכטעט דורך פערשידענע גרויסערע און קלענערע פאַבריקאַנטען, אין דער טיף פון הויף, אַמנעהנטסטען צו דער פּאָלודניאָוואַ גאַס געפינט זיך אַ 4־שטאָקיגער פאַבריקס־בנין, וועלכער איז אויסגעמויערט געוואָרען אין יאָהר 1910, אין דעם דאָזיגען בנין האָבען זיך געפונען

### פאָלגענדע אונטערנעהמונגען:

אויפ'ן פּאַרטער — די שפּינערײַ פון שלמה בערגער. אויפ'ן ערשטען שטאָק די וועבערײַ פון דער פירמע שלעזינגער. אויפ'ן צווייטען שטאָק האָט זיך געפינען די וועבערײַ פון דעם רעטונגס־קאָמיטעט, אויפ'ן דריטען שטאָק די וועבערײַ פון דער פירמע ברידער יאַסקאָוויטש און אויפ'ן פערטען שטאָק — דער לאַגער פון שלמה בערגער.

געכטען אַרום האַלב צוועה אינדערפריה האָט די הויזוועכטערין פון פּאָלודניאָוואַ 57 בעמערקט ווי פון פּאַרטער פון שלמה בערגער'ס שפּינערײַ

### זעצט ארוים א געדיכטער רויך

און באַלד האָט זיך אויך דאָרט בעמערקט פלאַמען, זי האָט געמאַכט אַן אַלאַרם און פון די שכנות'דיגע פאַבריקען האָט מען אָנגעהויבען צו אַלאַרמירען די פייערלעשער און אין דעם אויגענבליק האָבען שוין די אַרבייטער אין דער פאַבריק בעמערקט דאָס פייער, וועלכעס האָט שוין געהאַט אַרומגענומען דעם גרויסען זאַל. וואו ס'האָט זיך געפינען דער „וואַלף” און דער גרעמפּעל פון בערגער'ס שפּינערײַ אין פּאַרטער.

### די גאנצע פאבריק איז געווען אין פולען גאנג

אין דעם מאָמענט האָבען זיך אין דעם בנין געפינען צוויי הונדערט אַרבייטער.

### די ארבייטער. פון בערגער'ם שפינעריי

האָבען איבערגעלאָזען די מאַשינען און זייערע אייגענע אויבער־מלבושים און האָבען זיך דורך די פייער צונגען אַרויסגעריסען און דורכען

### ס'זענען נישט אוועק מער פון עטליכע מינוטען און דער גאנצער בנין איז ווי דורך א כישוף - שטעקעלע שוין גע־שטאנען אין פלאמען

די אַרבייטער פון שלעזינגער'ס פאַבריק און פון דער וועבערײַ פון די ברידער יאַסקאָוויטש זענען אַראָפּ דורך די טרעפּען, וועלענדיג זיך אַרויסבעקומען אויפ'ן הויף, דאָס איז אָבער שוין געווען אונמעגליך, ווייל

### דאס פייער. וועלכעס האט געשלאגען פון אונטען ארויף האט שוין געהאט ארומגענומען די טרעפען

און ס'איז אַפילו מעהר נישט געווען צו טראַכטען,

(ווייטער זעה 10־טע זייט)

כשר לפסח




פריהער מאסקווע
איצט לאנדאן

# גוטער און געשמאקער טעע

איז נור פון דער וועלטבעריהמטער פירמע

# ו. וויסאצקי און קאמפ.

הנוסדה ע"י קלונמוס זאב וויסאצקי ז"ל בשנת 1849
וועלכע איז אנערקענט אלס די בעסטע אויף דער וועלט.
ספעציעלען ערפאלג האבען די סארטען:

איז אריגינעלע פעקלעך באנדראלירט **№ 74** און **№ 75** אין אריגינעלע פערפלאמבירטע בלעך־שאכטלען ווי אויך די ספעציעלע 1/4 קילאווע פעקלעך מיט פרעמיעס

צו בעקומען איבעראל! — צו בעקומען איבעראל!

בהכשר הועד הרבנים בווארשא.

כשר לפסח — כשר לפסח



# ANGLAS

דעם בעסטען געשמאק גיבען
# שאקאלאד און קאקאא

כשר לפסח — בהכשר הועד הרבנים בווארשא. — כשר לפסח

Skład Konsygnacyjny:
**SALOMON SEIDLER, Łódź, Piłsudskiego 32**
tel. 221-58 i 132-30.

